# דריי דורות

לידער פון בערל בראָדער (מרגליות)

פעליטאָנען פון ים הציוני (יצחק מרגליות)

פּאָעמען און לידער פון בער מרגליות

מיט אַ פאָרוואָרט פון דר. יוסף טענענבוים

צוזאַמענגעשטעלט און געשריבן פון

**בער מרגליות**

געווידמעט צו די 100 יאָר **בראָדער זינגער** (1857—1957)
אויך צום 100טן געבורטסטאָג פון אונזער פאָטער **ים הציוני** (1855)

די ארויסגעבער

קרעסעל, בערל און שמשון מרגליות

ניו יאָרק
1957

1/51885

און איך וויל דאָ ריידן ניט וועגן יצחק מרגליות דעם ערשטן און ערשט־קלאַסיקן יידישן פעליעטאָניסט (ער האָט באַנייט און אַריינגעפירט דעם קלאַסישן ווינער „נייע־פרייע־פרעסע־פעליעטאָן אַין דער יידישער ליטעראַטור), און ניט וועגן יצחק מרגליות וואָס איז, פונקט ווי זיין זיידע דער פידקאַמענער ר׳ יצחק, געווען אַ תלמיד־חכם, נאָר וועגן יצחק מרגליות דעם לערער און דערציער; און ער איז געווען ביידע צו מיר. איך פערזענלעך פאַרדאַנק אים זייער אַ סך. ער איז ממש געווען אַ מחנך הדור, און איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיינע שפּאַציר־גענג שבת נאָכמיטאָג מיט „זיינע באַליבטע שילערס", וועלכע ער פלעגט ממש אינספּירירן מיט זיינע וואונדערבאַרע דיסקורסן און שמועסן. — אין וואַלד אָדער אויפן שפּאַציר. ער האָט אין אונדז אַלעמען — די יונגוואַרג פון סאָסאָווער באַראָן־הירש שולע — אָנגעצונדן אַ בענקעניש נאָך דער גרויסער וועלט, ווייט ווייט פון די סאָסאָווער בערגלעך און וועלדער, און געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר אונדזערע אויגן, געוועקט אַ חשק צו לערנען, צו וויסן, צו דענקען און אָנגעהויכט אונדז מיט אַ האַרציקער פאָלקסליבע.

די ים־הציונים מעשהלעך און משלים זיינען געווען ניט נאָר ים פון וואונדערבאַרע פאַרבן פון אַלץ וואָס איז איידל און גרויס און הויך, הימליש און ערדיש, נאָר ער אַליין איז געווען אַן אמתער ים הציוני, אַ טיפער, ברייטער ים פון ציוניסטישע געפילן, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט אין אַ צערטלעכן כוואַליע־שפּיל פון ציוניסטישע האָפנונגען.

אָבער יצחק מרגליות איז ניט נאָר געווען בלויז מיין לערער און מדריך נאָר אויך מיין פריינד. איך פלעג מיך צו אים ווענדן מיט אַלע מיינע פּראָבלעמען און זאָרגן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם באַזוך פון מיין מאַמען ביי אים און ווי ער האָט זי געזוכט צו איבערצייגן אַז זי דאַרף טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך און מיך שיקן שטודירן אין גימנאַזיע. און דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע אָדער לעצטע מאָל וואָס מיין פאַרערטער לערער האָט פאַר מיר געטראַכט און געווירקט.

און דער דריטער — דער לעצטער פון די „דריי דורות" — מיין פּערזענלעכער יוגנט־פריינד בערל מרגליות. מיר פלעגן אינאיינעם חלומען, טראַכטן, שפּילן זיך — און בערל האָט אויך באַהאַלטן און בסוד געשריבן יידישע לידער, אַביסל קינדעריש — אָבער מיר זיינען טאַקע געווען ניט מער ווי קינדער. בערל האָט נאָך עפּעס געירשנט פונעם טאַטן און זיידן, נאָך וועלכן ער טראָגט זיין נאָמען, אַחוץ די נייגונג צו שרייבן פערזן און פּאָעטיזירן.

ער האָט אויך געירשנט זיין זיידנס רחמנות מיטן אָרעמאַן. און אין דער יוגנט איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

זינט יענער צייט זיינען פאַרלאָפן פיל יאָרן, אונדזערע וועגן האָבן זיך



צעשיידט און פון אַ סך פון אונדזערע חלומות האָבן זיך אויסגעלאָזט קאַלטע האָלעוועשקעס — טויטע קוילן, אָן אַ פייער.

אָבער עס פרייט מיך וואָס בערל קען נאָך אַלץ חלומען, און דער בוך „דריי דורות" איז אַ באַווייז, אַז די טיף איינגעפונדעוועטע ירושה לעבט אין בערלען און זוכט אַן אויסוועג פון די פאַרבאָרגענישן און טיפענישן פון זיין נשמה.

„דריי דורות" — אַ דאָקומענט פון אונדזער פאַרגאַנגענעם לעבן.

דר. יוסף טענענבוים

## I

## מיין זיידע בערל בראָדער

בערל בראָדער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1817 אין פּאָדקאַמין ער איז דאָרט באַקאַנט געווען אַלס אַ ריידעוודיקער און וויציקער מענטש. אין בראָד, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס בערשטלמאַכער, האָט מען אים גערופן „בערל דער ווערטלזאָגער". זיינע שרייבערישע און זינגערישע צייטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען באַלד נאָך זיין חתונה, ווען ער איז אַלט געווען אַרום 25 יאָר.

ווען ער איז אין זיין 40טן לעבנסיאָר געפאָרן קיין רוסלאַנד, האָט ער שוין מיט זיך מיטגענומען אַ גרויסן נאָמען אַלס „בראָדער זינגער". אַרום יענער צייט, אין 1857, איז די טרופּע „בראָדערזינגער" געשאַפן געוואָרן. זי איז דאַן באַשטאַנען פון אים און זיינע פריינד אפרים און קאָווקע, וואָס זיינען פריער געווען משוררים ביי אַ חזן.

פון דער דאָזיקער צייט ציילט זיך אויך דער ערשטער פּרואוו צו שאַפן אַ יידיש טעאַטער אין גאַליציע.

אין 1860 איז אַרויסגעגאַנגען בערל בראָדערס ערשט ביכל לידער א״ב „שירי זמרה", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פּרעסבורג און איז באַשטאַנען פון אַרום 30 לידער.

אַ צווייטע אויסגאַבע פון בלויז 26 לידער איז דערשינען אין לעמבערג אונטערן זעלבן נאָמען. און נאָך אַן אויפלאַגע — אין וואַרשע, אין יאָר 1882, מיט דער הילף פון זיינע פריינד, וואָס ער האָט געהאַט איבעראַל, וואו ער פלעגט נאָר קומען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז לויט ד״ר געלבער (פאַרלאַג לעוויט, געשריבן אין דייטש) זיינען מאַנכע זייער גוטע לידער פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל ער האָט זיי אַפילו נישט פאַרשריבן, נאָר פון שטייגרייף געזונגען ביי אַ גלעזל ווייַן אָדער מעד און ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס ער פלעגט זינגען זיינענדיק באַשטענדיק אין דעם גאַסטהויז „פינקוס" פון בראָד, וואו עס פלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדן אָוונט אַ גרויסער עולם אים צו הערן.

ש. ניגער, אין „צוקונפט" פון יאַנ. 1925, ז׳ 41, אונטער דעם טיטול „וועלוול זבאַרזשער" שרייבט:

„בערל בראָדער האַלט מען פאַר דעם ערשטן ייִדישן פאָלקסזינגער אין גאַליציע".

אויך שרייבט א. ליטווין אונטער דעם קעפּל „ייִדישע פאָלקסזינגער", „צוקונפט", דעצ. 1914, ז' 12/1249:

„בערל בראָדער איז געווען טיף אָריגינעל, ער שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון די סאַמע אונטערשטע שיכטן פון דעם פאָלק, אויך איז ער געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַראייניקט אין זיין פּערזאָן אי דעם זינגער, אי דעם שוישפּילער".

א. ליטווין דערציילט דאָרט אויך אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן בערלען מיט זיין שוואָגער פּיזול:

פּיזול האָט ליב געהאַט זיינע לידער און ער פלעגט אָפט קומען אַהין... מיט זיין ווייב קרעסעל, (נאָך וועלכער מיין שוועסטער קאַראַליין האָט איר נאָמען באַקומען). פּיזול איז געווען אַ בעלזער חסיד און איז אַלע מאָל געגאַנגען איינגעבויגן. איינמאָל האָט בערל אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב: — „פרומע, איך וועל היינט מאַכן אַז מיר זאָלן האָבן צוויי פּיזולס, דו זאָלסט נאָר שווייגן און זיך צוקוקן צום גרייטן". — ווען פּיזול איז, ווי זייער אָפט, געקומען צו בערלען צו גאַסט צוזאַמען מיט זיין ווייב קרעסעל, האָט עמיצער באַלד אַהיים גערופן קרעסלען. ווען זי איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, טרעפט זי שוין פּיזולען אין דער היים און פאַרוואונדערט פרעגט זי אים ווי אַזוי ער איז אַזוי שנעל אַהיים געקומען. זי האָט דאָך אים איבערגעלאָזט ביי בערלען. ענטפערט ער איר, הוסטנדיק ווי תמיד: — זעסט דאָך, איך קאָן שנעלער גיין פון דיר. — נאָך אַ ווײַלע דערמאָנט ער זיך, אַז ער וויל נאָך אַ מאָל צוגיין צו בערלען, און זיי גייען ביידע ווידער אַהין. ווען זיי קומען אַריין אין שטוב, טרעפן זיי דאָרט פּיזולען זיצן געמיטלעך און שמועסן מיט פרימען, ווען ער קוקט זיך אַרום דערזעט ער אַריינקומען נאָך אַ פּיזול צוזאַמען מיט קרעסלען. פרומע האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג איינהאַלטן און האָט לאַכדיק באַלד אַלץ דערציילט".

א. ליטווין, דערציילנדיק די געשיכטע באַמערקט דערביי אַז ער האָט דאָס געהערט דערציילן פון בערלס זון פערזענלעך. ווייל איך האָב קיינמאָל דעם עפּיזאָד פון מיין טאַטן נישט געהערט, מוז איך אָננעמען אַז ליטווין האָט זיך געטראָפן און האָט גערעדט מיט מיין פאָטערס ברודער, ברוך, וואָס איז אַוועק פון דער היים אַלס קינד און פון וועלכן קיינער פון אונדז האָט די גאַנצע צייט ניט געהערט און ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. אויסער דעם האָט מיין פאָטער געהאַט נאָך אַ ברודער, יאָסל, און אַ שוועסטער, לאה, ליידער גיט א. ליטווין ניט אָן וואו דאָס געשפּרעך און דאָס באַגעגעניש איז פאָרגעקומען. איך האָב אָבער געהערט דערציילן (נישט באַשטעטיקט) אַז ברוך זאָל האָבן געהאַט אָנגעשריבן אַ העברעאיש ווערק.

אין דעם זעלבן אַרטיקל דערציילט א. ליטווין:

„אין בראָד איז געווען אַ באַליבטער מאַן וואָס מען האָט אים גערופן



'נפתלי דער גראַמען זאָגער'. ווען ער האָט געהערט אַז אין פּאָדקאַמין, וואָס איז אינגאַנצן 3 מייל פון בראָד, איז גאָר פאַראַן נאָך אַ גראַמען מייסטער, איז ער אַריבערגעפאָרן אַהין און אַרויסגערופן בערלען אויף 'אַ דועל' און זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געקעמפט. די גאַנצע שטאָט האָט זיך צוגעהערט. נאַטירלעך האָבן זיי זיך ניט באַנוצט מיט געוויינלעכע שווערדן, נאָר מיט גראַמען. דער זיגער איז געווען, נאַטירלעך, בערל בראָדער".

לויט ליטווינען איז בערל געשטאָרבן אין פּליעשטש, אַ קליין שטעטל אין רומעניע.

מעסטנדיק בערלס לידער לויט זייער אינהאַלט, און וואָס ער האָט געוואָלט דורך די לידער זיינע דערציילן און זאָגן צום פאָלק, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז ביי בערלען איז ניט געווען די הויפּטזאַך צו אונטערהאַלטן דעם עולם.

בערל איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צו קיין חתונות. אדרבא ער האָט זיך געפילט מער ווי א לערער און קיינמאָל ניט ווי אַ קאָמיקער. עס האָבן אים אינטערעסירט די טראַגישע זייטן פון זיינע טיפּן, און אויך די מאָראַלישע פאָלגן פון זייער לעבן.

אין זיין „אַנטאָלאָגיע פינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע" (פאַרלאַג „דאָס ייִדישע בוך" ערשטער באַנד, 1917 ז' 152) באַמערקט א. באַסיק, אַז בערל איז ניט צופרידן געווען מיט מאַנכע רומענישע פּלעצער אין דער ערשטער צייט פון זיין אַרומפאָרן, ווייל זיי האָבן ביי אים פאַרלאַנגט ער זאָל זיי אונטערהאַלטן מיט קאָמישע זאַכן.

אונטער דעם טיטול „וועגן בערל בראָדער" שרייבט מ. באַסין:

„ער איז דער ערשטער ייִדישער זינגער פון דעם קרייז „פאָלקס־ווינקעלער־זינגער". ער איז איינער פון די ערשטע פּערזענלעכקייטן מיט וועמען דאָס ייִדישע טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט זיינע לידער פאָרגעזונגען מיט אַליין פאַרפאַסטע מעלאָדיעס...

אויף אַן ענלעכן שטייגער באַשרייבט אים מאַניע פּעטשעניג אין די ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 55: „בערל בראָדער צו דער ביאָגראַפיע פון איין אַלטן פאָלקסדיכטער". ער פאַררעכנט אים צו דעם ערשטן מינען־זינגער וואָס פלעגט תמיד אין זינען האָבן דעם סאָציאַלן עלעמענט. ער פלעגט תמיד פרייליך, אַז מען זאָל זיך ניט שעמען מיט מלאכות ווייל אַלע פּרנסות זיינען אַ קריעת־ים סוף. זיינע לידער דרייען זיך אַריין אין דעם „האַנס־סאַקסישן רינגל וועג." אַ וועלטלעכער פאָלקסזינגער וואָס איז אַרויס פון די ענגע כלי־קודש־ראַמען און גענומען שמועסן פריי.

„ער האָט גענומען פון פאָלק", שרייבט מ. פּעטשעניג, „און גערעדט צום פאָלק. זיינע נגונים זיינען אויסשליסלעך ייִדיש געשריבן און געזונגען מיטן מויל פון פאָלק — וואָס האָבן אויך אויף שפּעטער משפּיע געווען אויף זיין זון „דעם שרייבער „ים הציוני".

און ווייטער שרייבט ער. „ים הצוני" איז אַ אינטערעסאַנטער טיפּ פאַר זיך: איין אַלטער קאָמפּער פאַר ייִדיש אין גאַליציע.

לויט די אויבן ציטירטע באַטראַכטונגען איז גיכער אָנצונעמען אַז בערל קען ריכטיקער פאַרגליכן ווערן צו די דעמאָלטדיקע בעל־דרשנס וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַלס די אָפּהיטער פון דער מאָראַל און זיטלעכקייט פון דעם פאָלק. צוגלייך מיט דעם מגיד וואָס האָט פאַרטראָטן אַ העכערע שטעלע ווי דער געוויינלעכער בעל־דרשן, אָבער זיי בײדע האָבן געדרשנט און געזאָגט מוסר צום מייסטן אויף דעם רעליגיעזן געביט; זיי האָבן אין זינען געהאַט די פרומקייט. אָבער בערל, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף פרומקייט, כאָטש ער אַליין איז געווען אַ אמת־גלויביקער און פרומער מענטש. די פראַגע פון פרומקייט האָט ער איבערגעלאָזט אויף די כלי־קודש יידן. ווי ער זאָגט אין דעם ליד פון דעם וועכטער.

„נאָר מיט אײנעם טרייסט איך זיך *)
וואָס עס לאָזט מיר נישט צו קיין דרימעל
גאָט׳ס ווערק זע איך
און בעטראַכט דעם הימעל״.

אָדער אַ סטראָף פון דעם ליד פון דעם גאָלדענעם מאָרגן:

„דער טאָג, אונזער בעסטער פריינד,
קריגט פון גאָט זיין זיסן שיין.
צו גיטען זאָל ער האָבען צוגעשיינט
זאָל עס אונס היינט געגליקט זיין.
די קוואקע לערנט די הינדעל עסען,
רופט זי אַלעמול אויף איין אַנדער אָרט צו זיך,
און איהר מענשען ווילט אין זיסען גאָט פערגעסען
צו פיל שלאָף איז איין פאַלשער ריח.״

באַשרייבנדיק ווען עס איז, איז עס אַלע מאָל געווען דער מענטש אין אים, זיינע ליידן און זיינע קריוודעס אַלס מענטש וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט בולטער ווי אַלץ. עס האָט אים אַממייסטן אינטערעסירט די נויט און ליידן, וואָס זיינע טיפּן האָבן זיך אויסגעשטאַנען דורך זייערע פּרנסות.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק: ווען ער באַזינגט די נויטן פון זיינע העלדן, דאַכט זיך אייך אַז ער זינגט עס פון זיך, אַז דאָס האָט אַלץ מיט אים אַליין פּאַסירט. עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז ער אַליין איז דער טרעגער, אָדער דער וועכטער, אָדער דער באַהעלפער, און ער דערציילט אייך אין דעם ליד זיינע פּערזענלעכע ליידן. מיט דעם: „איך, נעבעך, אָרע־מער וועכטער״, גלייך ביים אָנהויב פון יעדן ליד, פאַרזעצט ער אייך אין אַ שטימונג, אַז איר גלויבט אַז ער איז עס וואָס ליידט און ער באַקלאָגט זיך, און דערציילט אייך זיינע אייגענע צרות.

*) די לידער ווערן געזעצט מיט דער אָרטאָגראַפיע פון יענער צייט.



און עס הערט זיך דייטלעך אַרויס דאָס געפיל פון אחריות פאַר דעם פאָלק, און ער באַקלאָגט זיך אין דעם ליד פון „בערל פון בראָד״:

„פאַרוואָס זאָל מיך נישט פערדריסען
אַז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט
וויל קיינער פערנעמען מיין שמיסען
ווי טיעף דאָס האָט דעם ווערט״.

אָדער ביים ליד פון די גזרה־חתונות, וואו מען דערקענט אַז די גאַנצע זאַך איז אים צואווידער, און עס פאַרדריסט אים, ער ווייסט אַז עס קען נישט האָבן קיין גוטן סוף ער פאַרברעכט די הענט גלייך ביים אָנהויב:

„וואָס זאָגט איהר אויף דער צייט
וואָס אויף דער וועלט איז היינט געשעהען,
ווי איינס דעם אַנדערען האָט אָבגענאַרט
מיט די חתונות וואָס איז געווען.

מען האָט נאָר געזעהען שריימלאַך פליהען
וואָס זיי האָבען נישט געוויסט קיין וועלט,
מען האָט אַסענטירט אַ טוג פּיפּצעהן פּאָהר
אָהן קליידער אין אָהן געלד,

מען האָט נאָר געזעהען שטריימלאַך פליהען
חתן־כלה זענען געגאַנגען מיט מוזיק בעוואַכט,
אין ראַצימעראינעס ייפּעס אונגעטון
גלייך עס וואָלט געווען הושענא־רבה ביי נאַכט.״

די מחותנים האָבען מיט די הענט געפּאַטשט
אין האַרץ איז געווען גרויסע צרות,
דערנאָך האָבען זיך אַלע צופּאַטשט —
עס האָט געטויגט אויף טישאַנצע כפּרות.

אויף כלי־זמר איז געווען אַ וועלט
חזנים און דיינים האָבען אויך נישט דערלעגט,
כלי־זמרים האָבען פערדינט פיל געלד
און דיינים האָבן אויף גט׳ן נאָכגעפרעגט.

דאָס וועט אייביג בלייבען?
עס וועט ניט פעהלען די מינסטע הור,
דיינים וועלען גט׳ן שרייבען,
פאַר אַ קערב׳ל וועט זיין אַ אַם אויף אַ יאָר.״

אין דער בהלה־צייט פון 1842־1846, ווען מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן האָט מען זיי אָנגעהויבן נעמען צו מיליטער־דינסט, און ווייל קיין פאַרהייראַטע מענער האָט מען ניט גענומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג ביים פאָלק צו מאַכן מאַסן־חתונות. אויף דעם זאָגט עס בערל סאַרקאַסטיש: „מען האָט אַסענטירט פיפצעהן אין איין טאָג."

כאָטש מיר געפינען ניט ביי בערל בראָדער קיין איין ליד וואָס זאָל אונדייטען עפּעס וועגן ליבע, געפינען מיר אָבער זייער שיינע באַטראַכטונגען וועגן דער נאַטור און אַן אמת שיינעם קוק אויף דער וועלט, וואָס דערמאָנט אין אַ פּאָעטישער נשמה. צ״ב דאָס ליד פון דעם גאָלדענעם מאָרגן:

„אַך מענשען מיט געזינט שטעהט אויף
צום זיסען, גאָלדענעם מאָרגען,
אויף גאָט וואַרפט אייער לאַסט אַרויף,
וועט איהר קיינמאָל נישט דאַרפען זאָרגען.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם מאָרגען גרויס און קליין
און דאַנקט דעם לעבעדיקען גאָט
ווען די זון הויבט נאָר אָן אויפצוגעין
דאָרך זיין ליבען געבאָט.

איהר מענשען נעמט אייך אייןביישפּיל
פון פייגאַלע וואָס אין דער לופט שוועבט,
אויף דעם צווייגעל זאָרגט עס נישט פיעל
ביז עס דעם זיסען מאָרגען דערלעבט,
גאַנץ פריה ווען דער פויגעל אַרויס שוועבט,
בעשערט עס גאָט איין פליגאַלע גלייך צום מויל
איהר מענשען: פערלאָזט זיך אויף גאָט וואָס אייביג לעבט
שטעהט אויף און זאָרגט ניט, און זייט אייך ניט פויל.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז״ו.

דער האָהן האָט שוין פון לאַנג
דאָס ערשטע מול אָפּגעקרייעט.
דעם לייב טוט אויך שוין באַנק
וואָס דער טוג האָט זיך שוין צושפּרייט.
דער ווייסער טאָג האָט שוין פערדעקט
מיט זיין שיין דעם מאָרגען שטערן
און איהר מענשען ליגט אויסגעשטרעקט,
איהר וועט דעם זיסען מאָרגען נישט הערען.



רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז״ו.

דער בוזשיק איז שוין פון דער נעסט אַרופּגעפלויגען
צו זיכען שפּייז צווישען גרינעם גרוז,
איהר מענשען רייסט אויף אייערע אויגען —
עס דאַרף זיין צו אַלעם איין מאָס.

רעפרעין:
דאָס פייגאַלע דערזעט איין וואָרם
און דער האָהן שטעט גרוט דערנעבען
קוואקעט דער האָהן מיט שטאַרקען שטורם
מיז דאָס פייגאַלע אַוועק שוועבען.
באַשערט עס גאָט אַ וואָרם אָדער אַ פליגעל
גלייך צים מויל אוהן שרעק
איהר מענשען דאָס איז קעגען אייך אַ שפּיגעל
זאָלסט ניט מיינען, יענער נעמט דיינס אַוועק.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז״ו.

אַך מאָרגען מיט דיין אָנקימען
דער טוי דערקוויקט גאָר די ערד.
אַך ווי שיין איז דאָס אין אָנגענומען
דאָס געזאַנג פין פויגעל אַז מען הערט,
דאָס גרוז איז ביים קאָליר ריין גרין
אין דער קאַנאַריק סוויפטשעט,
עס הויבט אויך אָן זומען די ביהן
אין דאָס קליינע הינדעל פּיסטשעט.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז״ו.

דער בוזשיק איז אויס דעם נעסט געפלויגען
אין די נאַכטיגאַל גיט אַרויס איר קלאַנג,
איהר מענשען רייסט אויף אייערע אויגען
דאַנקט אין הויבט גאָט מיט געזאַנג.

די מאָראַלישע זייט איז בערלען שטאַרק אָנגעגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ וויי הארץ וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף אַלע ליידן און קריוודעס וואָס זיינען פאָרגעקומען אַרום אים.

ער האָט באַזונגען דעם בעל־מלאכה ניט דערפאַר ווייל ער האָט אָנגעהערט

צו דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי מאַנכע באַהויפּטן, ווייל ער איז געווען אַליין אַ בעל־מלאכה און געאַרבעט ביי בערשטלעך, נאָר דערפאַר ווייל דער אַרבעטער האָט אַמייסטן געליטן, ווייל ער איז געווען געקריוודעט און תמיד פאַרזאָרגט. אַ באַווייז דערויף איז דער פאַקט אַליין, אַז צווישן זיינע געקריוודעטע זיינען פאַראַן: דער געפאַלענער עושר, דער פּראָצענטניק, דער באַהעלפער, און אַ סך וואָס האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט אַרבעט, אָבער זיינען באַלאַסטיקט מיט נויט און אָרעמקייט. ווי געזאָגט, עס האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַר אַלע וואָס האָבן געליטן און ניט געקאָנט זיין צופרידן פון זייער לעבן. עס האָט אים פאַרדראָסן די אומגערעכטיקייט פון דעם לעבן און אויך די שלעכטע באַציאונג פון מענטש צו מענטשן. ווי ער באַקלאָגט זיך אין דעם ליד פון דעם בעל־דרשן:

„איך נעבאַך בעל־דרשן
איך מיטשע מיך אויף דער וועלט.
פיל פּרושים אויף איין פּרשי
און יעדער זאָגט איך מיין דאָס געלד.
איך קום אין שטודט אַריין צי פורען
איז מען מיך מכבד צי דרשענען אין שיל,
פערדרעהט מען מיר מיינע יאָרען
אין דער קאָפּ ווערט מיר ווי אין מיהל.

אַז איך פוהר אַרויס אויף דער וועלט
אין די גבאים שלעפּען זיך מיר נוך
מיינען זיי אַז איך דאַרף קיין געלד.
אַז מען זיצט תפוס גיט מען קעסט אין קוואַרטיר
אויף דער קאָנטע טרינקען זיי אָהן צוהל
אין זענען (שיקער) די גאַנצע טעג,
דערנאָך מיז איך צולען אויף אַ מאָל —
איך האָב גאָר ניט אַזויפיל אין מיין פערמעג.

מען נעמט מיך אין אַ קליין שטעטל אַריין —
אורים זענען זיי אַלע אין דער קליינער שטאָדט
אַז פאַר הינגער שרייען זיי אַלע געוואַלט,
איך מיז וואַרטען ביז מען פערדינגט די בוד —
פין דעם ערשט קריג איך מיין געהאַלט.״

אָדער אַן אַנדער ליד וואָס באַקלאָגט זיך אויך אויף דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש:



# „דאָם ליד פין איין וואָכענגעלדער״

(אָדער „פון דעם פּראָצענטניק״)

איך נעבאַך וואָכענגעלדער,
די וועלט שרייט עס געהט מיר גיט,
פאַר צרות ווער איך אַלע טוג עלטער
ווייל מען שעלט מיך פאַר מיין בליט.

אַז איינער מיינט זיך אַ הויז צי קויפען
אין דאָס געלד ווערט אין דער היים פערצערט,
האָב איך שוין דאָס לאַנגע לויפען
אין דער קאָפּ ליגט מיר אין דער ערד.

אַז מען קימט פין מיטלשטאַנד
צו מיר לייען געלד,
אין צי מוהנען זאָגט ער איז איין שאַנד,
עס זאָל נישט וויסען די גאַנצע וועלט.

מוהן נישט — איז פאַר מיר שלעכט
מוהן יאָ — איז פאַר איהם נישט שעהן,
פאַר איהם זיינען די געשעפטען רעכט,
מיר מוז עס צי מיין קאָפּ אויסגייען.

אַז איינער קימט צי מיר געלד נעמען
וואָס מיט מיין בליט צולט ער יעדען אָב,
דערנאָך וויל ער מיך נישט קענען,
דארך דער טובה פין מיין גאָב.

אַז איינער טוט אַ שידוך מיט זיין קינד
אין צי קוקען איז ניטו אויף וואָס —
האָב איך שוין דאָס לויפען געשווינד
איהם צי דערקוויקען מיט מיין ביסעל מעות.

צוויי וואָכען צוהלט ער מיר
אין צען וואָכען בלייבט ער שטעהען
איך קום נאָר אויף דער טיער
זאָגט ער אויף קולעס זאָל איך געהן.

געליגען האָב איך איהם גוטע געלד
און געשריבען נאָטען נאָר,

דערנאָך שעלט ער מיך, בעקים די קעלט
און איז מיך מסלק מיט אַ שוואַרץ יאָר.

אַז איינער האַנדעלט מיט מיר אויף טערמין,
טריקענט מיר אויס מיין מח.
וואָרים אין דער צייט, וואָס עס וועט זיך טין
ווער איך אָן מיין כוח.

היינטיגען טוג האַנדעלט ער מיט מיר
אין מאָרגען פורט ער אויף דער וועלט.
דאָרט זאָגט ער, וואָס פרעג איך נאָך דיר
פיגעס וועל איך איהם געבען, אָבער נישט קיין געלד.

אַז איינער קומט צי מיר געלד לייען
וואָס פון בויט שלעפּ איך אַרויס,
דערנאָך הויבט ער אָן צו שרייען
איך ציה איהם די נשמה אַרויס.

אַז איך הויב אָן מונען מיין בליט
הויבט זיך אָן דאָס לויפען געשווינד,
פאַר צרות ווערט מיר אַזש ניט גיט,
אין האַרצען בלייבט אַ גרויסע וווּנד.

און דאָ איז דאָס ליד פון דעם חזן, וואו ער באַקלאָגט זיך אויף זיינע ברויטגעבערס:

## דאָס ליד פין דעם חזן

איך נעבאַך געמיינער חזן,
איך מעג זינגען ווי גיט אין וואויל,
מאַכט חוזק אויס מיר איין בלאָזין
וועמען קען איך פאַרמאַכען דאָס מויל.

איך מעג מיך דאַווקע ווי מיטשען
מיט דעם זינגען נאָך באַמיהען,
וויל מיר איינער פאָרט דערקיטשען —
וועמען קען איך עפּעס טיען.

איך מעג זינגען דאָס שענסטע שטיק,
איך לעג אַריין אַביסעל כוח,



דאָס איז כמעט איין רייניע מוזיק,
איך צעטרוג מיר נעבאַך מיין מוח.

אין האַרצען האָב איך נעבעך איין ווינד,
פרימע לייט רעדען פאָרט.
איך שריי דאָס איז פאַר גאָט אַ זינד
צו זינגען צוויי מאָל איין וואָרט.

איז מיין שרייען גאָר אימזיסט,
אין מען מאַכט אויס מיין זינגען בלאָטע,

דאָס באַרירט דעם מענשען ווייניג וואָס
ביים עמוד מיין ביטער אונרייסען.
דאָס עכטע דאַווענט דער בעל־הבית,
קדוש מאַכט ער פאַר דעם אונבייסען.

מיר שטעכט דאָס מעגט איהר גלויבען
זיין, אין שיהל אַריינקימען וואַר,
אויף איהם זאָגט יעדער, ער איז אַ מבין
אין איך בלייב נעבאַך דער נאַר.

איין חזן אויף ער עלטער ווער שמיסט
באַדויערט מיך נעבאַך קיינער,
זיי שרייען אַז ער היסט,
מען פערשעלט מיר מיינע ביינער.

דאָס טיט זיי נישט געפעלען
אַז איך האָב אַמול געזינגען שיין,
אַ נייעם חזן טיען זיי וועלען,
שרייען, דער חזן האָט קיין ציין.

„דאָס ליד פון דעם וועכטער" איז אין זיין צייט געווען זייער פּאָפּולער און איז געזונגען געוואָרן אין די גאַסן און אין די הויפן. די מעלאָדיע איז צופּאַסיק מיט זיינע אויסגעצויגענע טענער, — וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די גאַסנלידער, וואָס די בלינדע פלעגן זינגען אויף די גאַסן פאַר די הייזער.

איך דערמאָן זיך, ווי אַ צינד, אַז דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען קיין זלאָטשעוו, וואו מיר האָבן אויפגעזוכט דעם „בלינדן יאָסעלע" פון וועלכן מען פלעגט דערציילן, אַז ער קען אַלע לידער פון בערל בראָדער. איך בין דעמאָלט געווען, דאַכט זיך, אַרום 8 יאָר אַלט. ביי אַ גלעזל ביר און אַ פּאָר וואורשטלעך האָט ער דעמאָלט אויסגעזונגען אַ סך לידער, און מיט מאָדנע גרימאַסן האָט

ער פאַרענדיקט יעדן סטראָף פון דעם וועכטער מיט אַן אויסגעצויגענעם „ווער דאָרט: — איך נעבאַך אורימער וועכטער", און האָט פאַרגלייזט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן ביים ענדע פון יעדן רעפרעין.

## דאָס ליד פון דעם וועכטער

איך נעבאַך אורימער וועכטער,
איך ליג אין דרויסן און טראַכט —
פין אַלע מענטשן איז מיר שלעכטער,
ווייל ביי מיר איז נישט די נאַכט.

פאַרוואָס זאָל איך זיין אַזוי זינדיג,
פון דעם שלוף נישט האָבען קיין נחמה?
איך ליג אין דרויסען בעשטענדיג,
איך נעבאַך זינדיגע נשמה.

ביי טאָג בין איך איין טרעגער
אין ביי נאַכט איין וואָרטעוונִיק,
ווי איז נאָך פערראַנען ערגער
אַלץ אויף צי זיין שטיק אויף שטיק.

שלוף זיסער, די טייערער ברידער,
מענשען שטאַרקסטי מיט דיין קראַפט,
ריה איך אויס מיינע גלידער,
האָב איך אין מיר נייע זאַפט.

ב'כדיי אויף דער ערד די האַרטע
וואָלט איך מיך דערקוויקט מיט דיר,
איך מיז געהען אויף דער וואַרטע
פערוואָגעלט ביסטי שלאָף פין מיר.

און זומער ווער שמיסט, אין שלאגס רעגען,
און אויך דער דינער מיט דעם בליטץ —
דער דינער איז אויף אַלע וועגען
מכלשכן דאָ ווי איך זיטץ.

ווינטער ווער שמיסט, אין גרויסע פרעסט,
ווער איך נעבאַך פערפרוירען.
דאָ האָב איך שוין וויסטע קעסט,
פערקאָוועט ווערען מיינע אויערען.



נאָר מיט איינעם טרייסט איך זיך
וואָס איך קאָן נישט טין קיין דרימעל,
גאָט'ס ווערק זעה איך,
אין בעטראַכט דעם הימעל.

עס איז נאָך פינסטער אין אַלע ווינקלען,
און אין מזרח שיינט שוין לעכט,
איך זעה די שטערן פינקלען
אין מזרח־זייט טוגט שוין רעכט.

די לבנה מיט די שטערן,
דער הימעל איז ביי ריינעם קאָליר,
אַלע חיות אין די נעסטען אַריין זיך מערן,
זיי לויפן פאַרביי פאַר מיר.

דער האָהן לאָזט הערען זיין קלאַנג,
און פון דעם הימעל פאַלט דער טוי,
די נאַכטיגאַל לאָזט הערען איהר געזאַנג
און איך מיז שרייען: ווער דאָוה...!

ווער דאָרט!...

איך נעבאַך אורימער וועכטער,
איך ליג אין דרויסען אין טראַכט:
פין אַלע מענשען איז מיר שלעכטער,
פערוואָגעלט פין מיר איז די נאַכט.

(דער לעצטער סטראָף ווערט ווידערהאָלט נאָך יעדן סטראָף אַלס רעפרעין.)

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז „דאָס ליד פון דעם גרעבער", וואו ער פילאָזאָפירט סאַרקאַסטיש און גלייכצייטיק מיט פאַרדראָס איבער דעם מענטשן אין אַלגעמיין, וואָס איז אוממעכטיק קעגן טויט: ווען דער טויט גיט אַ רוף, מוז מען גיין. און דער גרעבער לאַכט זיך אויס פון דעם מענטשן וואָס איז ביים לעבן שטאָלץ געווען און געגרויסט זיך קעגן אַנדערע, פאַרגעסנדיק דערביי אַז אַנטקעגן דעם טויט זיינען אַלע גלייך: אָרעם צי רייך, שיין אָדער מיעוס. עס זעט אויס, אַז דער גרעבער נעמט נקמה פון דעם געשטאָרבענעם, ווייל ער האָט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין.

## בערל בראָדער

(מאַרגוליעס)

### ליד פון בערל בראָדער.

איך, בראָדער בערל,
איך שרײַ צו אַלע מענטשן:
הערט אויס ווערטער ווי פּערל,
מיט כײַן זאָל מיר גאָט בענטשן!

צוזינג:

איך בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריה,
איך דאַנק דיר און לויב דיר, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מײַן ישועה.

מײַנע ליבע גוטע ברידער,
הערט מיר נאָר צו,
און מײַנע שיינע לידער
און אויך צו דער שיינער מעלאָדיע.

איך בערל פון בראָד א. א. וו.

איז דען אַזוי גרינג אָפּזאָגן,
אַף יענעם א ליד צו מאַכן,
בא קיין וואָרט זיך ניט אָנצושלאָגן
און אויס קיינעם קײַן כויזעק צו מאַכן?

איך בערל פון בראָד א. א. וו.

פאַרוואָס זאָל מיך, בערל, נישט פאַרדריסן,
אַז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט,
ווייל קיינער פאַרנעמען מײַן שמועסן,
ווי טײַער עס האָט דעם ווערט!

איך בערל פון בראָד א. א. וו.

אין יעדנס כאַראַקטער קלער איך גוט,
באַליידיקט זאָל קיינער נישט ווערן,
צום סאָף זײַנען אומגליקלעך מײַנע שריט;
פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען מיט טרערן?

איך בערל פון בראָד א. א. וו.



דער מויעך ווערט מיר אויסגעדאַרט
אַף יענעמס כאַראַקטער צו צילן;
פרעג איך אײַך: איז דען דאָס א זיסע אַרט,
פאַרוואָס זאָל דאָס קיינער ניט וועלן פילן?
יענעמס כאַראַקטער איבערצוזעצן
און אַלצדינג צו טרעפן קלאָר,
און קיין בריה נישט אַראָפּצוזעצן
אפילע אַף דער מינדסטער האָר!

איך בערל פון בראָד א. א. וו.

### ליד פון דעם פאַסטעך.

איך, נעבעך, בידנע פאַסטעך,
איך לעב דאָך גאָרניט אַף דער וועלט.
מע דערזעט פון דער היים ווען יעדער פרייט זיך,
ליג איך באַשטענדיק אין פעלד.
קעגן מיר לעבט זיך יעדער באַרוט
און האָט זיך בעקאָוועד זײַן ברויט,
און איך בין פון די שאָף אַזוי מיד,
אַז איך בלײַב ליגן ווי טויט.

דער טאָג טרײַבט מיר פון דער היים אַרויס,
אַף דעם האַרץ ליגט נאָך דער שלאָף;
אַלע פעלדער לויף איך אויס
און מוז נאָר פּאַסען די שאָף.
אומגליקלעך בין איך אַף דער וועלט,
איך רו נישט איין מינוט;
זינט איך בין צום פּאַסען געשטעלט
זײַנען פאַרשאָלטן געוואָרן מײַנע שריט.

אַז איך לייג מיך אַנידער פון מײַן מי,
און דאָס האַרץ איז פול מיט שרעק,
קומט איינער אין דער צײַט ווען איך רו,
און גאַנוועט מיר א שעפּעלע אַוועק.
איך כאַפּ מיך אויף, ווען עס הייבט אָן צו שאַריִען,
פאַרשעלט איך די נאַכט פון מײַן שלאָף:
אוי, וואָס האָב איך באַדאַרפט צו רוען,
עס איז מיר אויסגעגאַנגען א גאָטס שטראָף!

די צווייטע נאַכט גיי איך אין וועג
און האָב שוין גאָר קיין רו,
קומט א וואָלף אין גרעסטן געיעג
און כאַפּט מיר א שעפּעלע צו.
ווי דער וואָלף איז צו מיר צוגעלאָפן,
און איך שטיי אין פרייַען פעלד;
צו דעם, וואָס האָט מיך שוין צוויי סיבעס געטראָפן,
איז מיין לעבן אויך איינגעשטעלט.

צו דעם, וואָס איך, פּאַסטעך, בין,
מוז איך נאָך זייַן א שוימער;
א גאַנצן טאָג ברענט מיך די זון,
אַז עס טריקענען מייַנע ביינער.
פאַר גרויס דאָרשט ברענט מיר דאָס האַרץ,
דער דאָרשט גיט מיר קיין רו;
איך פּאַסע די שאָף און ווער פאַרשוואַרצט,
ווי ביטער איז, נעבעך, מייַן מי.

ווינטער פרירט מיר יעדער גליד,
די קעלט איז גאָר אָן שיר;
עס איז אָבער נאָך דאָס איינע גוט,
וואָס די שעפּעלעך ליגן ארום מיר.
איך מוז צווישן זיי אריינקומען,
ווי איינער אין זייַן געצעלט;
די שעפּעלעך זאָלן מיך ניט וואַרעמען,
וואָלט איך געשטאָרבן פאַר קעלט.

צו פּאַסען די שאָף, (האָט) דאָס א ווערט?
ווי קען איך שוין לעבן רעכט?
אַז די שאָף פאַרבלאָנדזען צווישן די בערג,
דעמאָלט איז מיר זייער שלעכט.
שלעכט איז מיר אָן אַן עק,
אַז זיי גייען אַף א פרעמד פעלד ארום;
מע נעמט בא מיר די שעפּעלעך אַוועק,
און מיך וואַרפט מען נאָר ארום.

צו טאָגן אין פעלד, וואָס איז מיין ווערט!
און מייַן געמיט איז מיר צעבראָכן.
צו ליגן אין פעלד אַף דער הוילער ערד
און אליין אביסל יושקע צו קאָכן!



אינמיטן גיב איך אכטונג אַף די שאָף
און אָן דעם קאָכן האָב איך פאַרגעסן;
שפּרינגט מיר א שעפּעלע אַף דעם פייַער ארויף
און קערט מיר אויס דאָס עסן.
זומער גאַנץ פרי, ווען אין דרויסן איז שיין,
ווען יעדער שפּאַצירן גייט,
ליג איך אין פעלד גאָר אליין,
האָב איך אויך אביסל פרייד.
כאָטשע די לופט שמעקט מיר פון עֵדן מער,
און איך שעפּ קרעפטן אין מיר אריין,
און דיך, זיסער גאָט, בעט איך דיך זייער,
איך זאָל קיין פּאַסטעך זייַן.

## א ליד פון א שינדל-שלעגער.

איך, נעבעך, שינדל-שלעגער,
מייַן פּאַרנאָסע איז מיר געשטערט;
אַף דעם דאַך איז מייַן געלעגער,
און מייַן לעבן האָט גאָר ניט קיין ווערט.
פון דער היץ ווערן מייַנע קרעפטן פאַרלוירן,
ווינטער שפּראָצט פון די הענט דאָס בלוט,
פאַרקאָוועט ווערן מייַנע אויערן,
פון דעם טאַם ווייסט קיינער ניט.

אַז איך באַשלאָג א דאַך אַפן דריטן גאָרן,
און קיין פּאָמאָצניק וויל מען מיר ניט געבן,
פאַרשעלט איך מיר מייַנע יאָרן,
עס ווערט מיר נימעס פאַר מייַן לעבן.
איך בין שוין אַרוון מיט די שינדלען,
שטעל איך מיך אנידער און רו מיך אָפּ;
הייבט מיר אָן פאַר די אויגן צו שווינדלען,
און עס דאַכט זיך מיר, אַט איך פאַל אַראָפּ.

איך באַשלאָג א דאַך, וואָס ער איז שיף,
און דאָ נעבן אים זייַנען נידעריקע הייַזלעך צוויי.
פון דעם דאַך פאַלט דער גאַנצער ריף,
און צווישן די באַלעבאַטים א גרויס געשריי.
אַף דעם ריף שטיי איך ווי אַף א וואָג
און וואַרט אויס, וואָס דער סאָף וועט זייַן;

ניט גענוג איך האָב מיר אופגעהאלטן א האלבן טאָג,
כאפּ איך גאָר פון די שכיינים אין טאטן אריַין.

אז איך דארף באשלאָגן א דאך אן אלטן,
וואָס ער איז דורכויס פויל,
צווישן די שפּאלטן קאָנען זיך שטאָרעס[1]) באהאלטן,
איך פּאָרך עס אום מיט דעם פולן מויל,
איך מעג ווי פּאריכטן, איז אלץ צעבראָכן;
דער באלעבאָס שריַיט, ער איז ניט צעבראָכן אסאך,
דערנאָך וואָלט ער מיך גערן דערשטאָכן,
איך זאָל אים מאכן א נייַעם דאך.

אז איך מאך שוין דעם דאך גאָר ניַי,
און עס געפינט זיך א שפּארינקעלע,—איז מיר ביטער[2]);
ער שריַיט, איך האָב ניט געמאכט געטריַי,
איך האָב געמאכט דעם גאנצן דאך שיטער.
איך בין שולדיק, די שינדלען זייַנען קרום,
איך קאָן זיי נישט גוט צופּאסן;
גיט ער אף מיר דעם גרויסן ברום,
ער טוט פון מיר די הויט רייַסן.

מייַן געצייַג איז נאָר דאָס העקל,
וואָס פון דעם עס איך מייַן ברויט;
דאָס מאכט מיר מייַן לעבן עקל,
עס איז מיר ערגער ווי דער טויט.
איך מעג (זיך?) אפילע ווי מוטשען,
עס רעדט שוין מיר קיינער ניט א וואָרט;
הייבט מען מיר אָן צו דערקוטשען,
איך האָב געלייגט צוויי שינדלען אף איין אָרט.

בא דעם באדינגען שמועסט ער גוט,
און אז עס קומט צום צאָלן ווערט ער שטאָלץ;
ער ציט פון מיר טראָפּנווייַז דאָס בלוט,
ער וויל איך זאָל באשלאָגן פון האָלץ.
ניט גענוג איך האָב מיך געמוטשעט א גאנצן טאָג,
מוז איך נאָך ארבעטן ביז אין דער נאכט אריַין.
פאר גאָט זאָל אופגיין מייַן קלאָג,
איך זאָל קייַן שינדל-שלעגער מער ניט זייַן.

1) דאָס וואָרט ניט קלאָר. 2) די לעצטע צוויי ווערטער קאָם צו לייענען אין טעקסט.



# א ליד פון די גזיירע־כאסענעס.

וואָס זאָגט איר צו דער צייַט,
יואָס אף דער וועלט איז הייַנט געשען,
ווי איינס דאָס אנדערע האָט אָפּגענארט
מיט די כאסענעס וואָס עס איז געווען!
מע האָט גענומען קינדער פון פופצן יאָר,
וואָס זיי האָבן ניט געוווסט פון קייַן וועלט,
מע האָט אסענטירט א טאָג פופצן פּאָר,
אָן קליידער און אָן געלט.

נאָר די קליינשטעטל־לייַט
האָבן זיך די קעפּ פארדרייט;
זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאט קייַן צייַט,
און דאָס פּאָנעם איז געווען פול מיט פרייד.
ווו מע האָט א מיניען געקריגן,
האָט מען געשטעלט א כופּע;
דעם כאָסן האָט מען א שטרייַמל געליגן,
דער קאלע האָט מען אָנגעטון דער באָבעס יופּע.

א מויד איז געגאנגען אפן מארק
אייַנקויפן פון יעדן מין,
איז מען איר פארלאָפן איבער דעם קארק
און מע האָט מיט איר א שידעך געטון.
דער באלעבאָס ווארט ביז אפדערנאכט,
ער ווייסט ניט, וואָס מיט איר איז געשען;
דעם אנדערן טאָג האָט זי אויס דעם באלעבאָס געלאכט;
מע האָט זי ניט מער פאר די איגן געזען.

א מויד האָט געטון אין מארק ארומגיין,
דאָס קלייד איז געווען אף קויל פארברענט,
דעם אנדערן טאָג האָט מען זי דערזען,
האָט מען זי שוין נישט דערקענט.
פרעגט מען זי, ווי גייט עס דיר?
ענטפערט זי: וואָס טוט איר אויס מיר שפּעטן?
עס איז מיר נאָך ערגער ווי פריר,
איך וועל מיך נאָך די וואָך מוזן געטן.

אין א קליין שטעטל האָט זיך פארלאָפן,
זיי זייַנען געווען פאריקט[1]);
אז דער כאָסן האָט די קאלע אָנגעטראָפן,

1) מעשוגע.

האָט ער זיך גאָר דערקוויקט.
מע האָט אים צוגעזאָגט א ווײַסע קו,
און קליידער זײַנען געווען אף אים מוטל;
צום סאָף איז זי געפייגערט גאנצפרי,
האָט ער זיך געמאכט פון דער פעל א קיטל.

אין קליינעם שטעטל איז געווען די גרעסטע גדולע
אף דעם קלענסטן און גרעסטן באלעבאָס;
דער כאָסן האָט געמעגט האָבן א פארד און א קילע,
די קאלע האָט געמעגט זײַן אָן א נאָז.
די מעכוטאָנים האָבן גאָר אָנגעקוועלט,
זיי האָבן שוין ניט געהאט קײַן מוירע,
זיי האָבן זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט
צו פאטערן אזא זיסע סכוירע.

איין כאָסן א קויהען [1]) האָט דאָס אויך פאסירט,
ער האָט דאָס אויך געליטן,
ווי מע האָט אים אונטער דער כופע געפירט,
האָט מען אים די קאלע פארביטן.
די קאלע האָט זיך זייער געפרייט,
זי האָט געמיינט; מע גייט דאָס געבעט בעטן.
ווי די מעכוטאָנים האָבן זיך נאָר אומגעדרייט,
האָבן זיך ביידע געמוזט געטן.

מע האָט נאָר געזעען שטרײַמלעך פליִען,
כאָסן־קאלע זײַנען געגאנגען מיט מוזיק באוואכט,
אין ראצעמאָרענע יופעס אָנגעטון,
גלײַך ווי עס וואָלט געווען הוישאנערא[בע] באנאכט.
די מעכוטאָנים האָבן מיט די הענט געקלאטשט;
אין הארץ איז געווען גרויסע צאָרעס.
דערנאָך האָבן זיך אלע צעפאטשט,
עס האָט געטויגט אף טישאָנצע [2]) קאפאָרעס.

אף קלעזמאָרים איז געווען א וועלט,
כאזאָנים און דאיאָנים האָבן אויך ניט דערלייגט;
קלעזמאָרים האָבן פארדינט פיל געלט,
און דאיאָנים האָבן אף געטן נאָכגעפרעגט.
דאָס וועט אייביק בלײַבן,
עס וועט ניט פעלן די מינדסטע האָר;
דאיאָנים וועלן געטן שרײַבן,
פאר א קערבל וועט זײַן אן אם אף א גאנץ יאָר.

---

[1]) דאָס וואָרט איז נישט קלאָר צו לייענען. [2]) טויזנט.



## ליד ווי א כאָכעם שמועסט צו דער וועלט.

וועלט, וועלט, קוק דיך נאָר אום
אף דעם אומרעכט! זע נאָר,
ווי דעם קלוגן איז שלעכט אומעטום
אין דעם הײַנטיקן דאָר!
דער כאָכעם איז עלנט און האָט גאָר קיין (ווערט [1]),
און דער נאר באגליקט הײַנט.
וואָלט נישט שענער געווען, עס זאָל זײַן פארקערט,
די זון זאָל האָבן אף די קלוגע געשײַנט?

וועלט, איך פרעג דיך אליין,
צי ביסטו מיט דעם עפעס גערעכט?
אז דעם נאר זאָל טאָמיד גוט גיין,
און דעם כאָכעם זאָל, נעבעך, זײַן שלעכט?
צי ביסטו דען צו דעם געשטעלט געוואָרן,
דער נאר זאָל טאָמיד נאָר באגליקן,
אף דעם קלוגן ביסטו אין צאָרן
און טוסט אים נעבעך אונטערדריקן?

וועלט, וועלט, פארוואָס ווייסטו נישט
און פארוואָס ביסטו נישט אין קאס,
ווי דער נאר פארגיסט דעם קלוגנס בלוט
און מאכט גרין דאָס פאָנעם, וואָס איז ווײַס?
דער נאר ווייסט נישט, ווי דעם קאָפ צו טראָגן,
און דער כאָכעם גייט אין צענען אײַנגעבויגן.
פארוואָס זאָל דער קלוגער אומגיין ווי דערשלאָגן,
און דער נאר זאָל האָבן הויך געפלויגן?

וועלט, וועלט, פארוואָס ארט דיך נישט,
ווי דער נאר מיינט, אז ער איז קלוג,
און דעם כאָכעם האלט ער ווי פארמישט,
ווײַל ער האָט, נעבעך, גאָר קײַן גליק?
אוי גוואלד, עס וויל דיך גאָרניט באַרירן
דאָס אָרעם און דאָס עלנט פון דעם קלוגן!
האָט א פאָנעם, אז דוווילסט אזוי אײַנפירן,
צום נאר זאָל קערן דאָס גאנצע פארגעניגן.

---

[1]) דאָס וואָרט „ווערט" שטעל איך לויט דעם זין נאָך און צום גראם. אין דעם געדרוקטן טעקסט פעלט דאָס (געדרוקט פון אָפגעריבענע מאטריצן).

וועלט, וועלט, וואָס מאכסטו זיך פארשלאָפן
און האלסט פארשלאָפן דײַנע ברעמען,
און ווילסט דעם נאר ניט שטראָפן,
נאָר דעם קלוגן לאָזטו נעבעך פארשעמען!
דעם נאר האָסטו מיט גליק באהאנגען;
שטאָלצירט ער און מיינט, דאָס איז זײַן קראפט;
און דער קלוגער קאָן צו דעם נישט דערלאנגען,
ווײַל ער האָט דערצו קײַן בעריעשאפט.

וועלט, וועלט, וואָס איז דיר אזוינס געשען,
וואָס דו האָסט א הארץ ווי א שטיין!
דעם עמעס ווילסטו גאָרנישט אײַנזען,
ווי דער נאר ווערט נאָר גרויס און נישט קליין.
אוי-וויי, גוואלד, אין גאָטעס ווילן,
א נאר לאָזטו באקומען א גוטן שעם,
און דעם קלוגן האלט ער ווי א דילן
און איז בא אים ווי אין דער קלעם!

וועלט, וועלט, מעגסט שוין אונטערגיין!
זון און לעוואָנע, פארלעשט אײַער לעכט,
און שטערן זאָלן נישט מער שטיין,
ווײַל איר זײַנט בא מיר גאָרנישט גערעכט!
דאָס פאלשקייט זאָל ווערן אויסגעריסן,
שרײַ איך געוואלד פון דעם הארץ ארויס.
אז פון דעם עמעס ווילט איר ניט וויסן,
שרײַ איך, וועלט, וועלט, לאָז דיך אויס!

וועלט, וועלט, ווי גרויס דו ביסט,
ווער קען דען דערגיין דײַן עק!
האָט דיך דען גאָט באשאפן אומזיסט
מינאסטאם צו דעם ריינעם עמעס וועק[1]).

1) עפשער דארף דאָ שטיין: „צוועק“?



# וואָלף ערנקראַנץ (וועלוול זבאַרזשער)

(1823 ? — 1883).

אין וואָלף ערנקראנצס ביאָגראפיע, אזוי ווי אין בערל בראָדערס, טרעפן מיר אויך פארשיידענע ווערסיעס וועגן איינצלנע פראָטים; אנדערע פראָטים זײַנען נאָך נישט גענוי פעסטגעשטעלט, כאָטש מיט וו. ערנקראנצס ביאָגראפיע האָט מען זיך ערנסטער באשעפטיקט ווי מיט אנדערע, און שוין פון 1909 איז באקאנט פראָפ. ווײַסבערגס ארבעט:

Wölwel Zbarazer, der fahrende Sänger des galizisch-jüdischen Humanismus[1]).

נישט גאנץ גענוי פעסטגעשטעלט איז די דאטע פון וו. ערנקראנצס געבוירן; מע גיט אָן: 1812, 1823, 1826. ווארשײַנלעכער זעט אויס צו זײַן איינע פון די לעצטע צוויי דאטעס. זײַן פאָטער, מוישע ערנקראנץ (געשטאָרבן אין תרי״ז, ד. ה. סאָף 1856 אָדער אָנהייב 1857), איז געווען שויכעט אין זבאראזש, גאליציע (פון דער שטאָט נעמט זיך אויך דער צונאָמען: וועלוול זבארזשער).

וואָלף ערנקראנץ רעדט פון אים (אין בריוו צום ברודער מייער) אמאָל מיט דערעכערעץ און ליבשאפט, — אן אנדערס מאָל — מיט א לײַכטער איראָניע וועגן זײַן פרומקייט און גלויבן אין שפרוכן און אין „שמות“. דער פאָטער האָט אים געגעבן א פרום-יידישלעכע דערציִונג אין כיידער און בא דער געמאָרע; אָבער וואָלף האָט זיך נאָך יינגלווײַז אָנגעשמעקט מיט האסקאָלע און, ניקער, דעמאָלט נאָך און שפעטער ערנסט געארבעט אף זײַן אנטוויקלונג. יעדנפאלס וויסן מיר, אז ער האָט געקענט רעכט העברעיש און דײַטש.

צו 18—19 יאָר האָט ער כאסענע געהאט, אָדער ווי מ׳גיט אָן: מע האָט אים כאסענע געמאכט, קעדיי אים אָפצורײַסן פון דעם „פאלשן וועג“. וועגן זײַן פאמיליען-לעבן דעמאָלט האָבן מיר 2 ווערסיעס: לויט איין ווערסיע זאָל ער האָבן איינגיכן נאָך דער כאסענע פארלאָזט זײַן פרוי און אנטלאָפן קיין רומיניע; לויט א צווייטער, — זאָל די מײַסע זײַן פונקט פארקערט; די יונגע האָבן זיך ליב געהאט, און די פרוי האָט אים געשטיצט אין זײַן נײַעם וועג[2]).

1) אין Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde, Hefte 31, 32, אויך סעפאראט בא מ. קויפמאן, לייפציק. 2) ס׳איז גיכער צו גלויבן דער לעצטער ווערסיע. אין א בריוו צום ברודער מייער פונעם 2 מערץ 1869 שרײַבט ער אין א שפאס-טאָן וועגן דעם ברודערס ווײַב ראָכל, וואָס ער האָט שטארק געשעצט און געליבט: „מיר געפעלט זייער דאָס ווײַב, וואָס דו האָסט. איך זוכע אויך זאָ וואס. איך האבע צוואר דרײַ געפונדן, נור איינע האטטע איינען מאן, די צווייטע איז געשטאָרבן (אונטערגעשטריכלט פון מיר. נ. ש.); די דריטע האָסטו לאורך ימים“.

מעגלעך, אז אין א שפאס-טאָן דערציילט דאָ וואָלף מיט אן ערנסט אינטימקייטן פון זײַן לעבן, און די צווייטע געשטאָרבענע פרוי מיינט ער זײַן אייגענע פרוי. פון דעם פארגלײַך מיט דער גרעסטענער

[ ... ]

1/28666

# שירי זמרה

דרייסיג הערליכע ביאור לידער אין
ריין יודיש לשון. יעדעס ליעד בזינגט
זייער שיין אין א דרומעגישן קלאס.
און זאגט אקוראט דעם קאראקטער
פון יעדען. אז עס איז אגרויס פאר־
גנוגן צו לעזען. און אויך לערונג
מען דער פון זייער פיל חכמה

---

schire simru.

Druck u. Verlag des
U. W. SALAT.

Nachdruck vorbehalten.

Lemberg 1864.

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 12 | | | 18 | 12 | 18 | 1 |
| 12 | 1/28666 | | 18 | 12 | 18 | 1 |
| 12 | | | 18 | 12 | 18 | 1 |
| 14 | | | 21 | 14 | 21 | 1 |
| 24 | | | 36 | 24 | 36 | 2 |
| 12 | | | 18 | 12 | 18 | 1 |
| 15 | | | 22½ | 15 | 22½ | 1 |
| 14 | | | 21 | 14 | 21 | 1 |
| 15 | | | 22½ | 15 | 22½ | 1 |
| 8 | | | 12 | 8 | 12 | — |
| 134 | | 10 | 50 | 144 | 51 | 9 |